בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די
זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א,
שבת קודש פרשת וישלח, שנת תשפ"ב
לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א, ביי
סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

## וויליאמסבורג

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

## בארא פארק

**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

## בלומינגראוו

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

## מאנסי

**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**

181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

**שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע״א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נג.**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: ״מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱמוּנָה - חַיָּיו חַיִּים״, וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה - דֶער לֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן, זַיין לֶעבְּן אִיז אַ לֶעבְּן, ״וְהוּא מְבַלֶּה יְמֵי חַיָּיו בְּטוֹב תָּמִיד״, אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן נָאר מִיט גוּטְס, ״כִּי כְּשֶׁהוֹלֵךְ לוֹ כָּרָאוּי וְיֵשׁ לוֹ טוֹב, בְּוַדַּאי טוֹב לוֹ״, וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אִים אַלֶעס אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, אִיז דָאךְ גוּט, ״וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵינוֹ כָּךְ, דְּהַיְנוּ שֶׁאֵין מִתְנַהֵג לוֹ כְּסֵדֶר וְיֵשׁ לוֹ יִסּוּרִין חַס וְשָׁלוֹם גַּם־כֵּן טוֹב״, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, עֶר לַיידְט יְסוּרִים חַס וְשָׁלוֹם - אִיז אִים וַוייטֶער גוּט, ״כִּי הוּא בָּטוּחַ שֶׁאַף עַל פִּי כֵן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו לְהַבָּא וְיֵיטִיב אַחֲרִיתוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁהַכֹּל מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי הַכֹּל לְטוֹבָה״, וַוייל עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים הֶעלְפְן, וַוייל ׳אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז גוּט פַאר מִיר׳, ״אֲבָל מִי שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם, חַיָּיו אֵינָם חַיִּים כְּלָל, כִּי תֵּכֶף כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו אֵיזֶה רָעָה שׁוּב אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת, כִּי אֵין לוֹ בַּמֶּה לְנַחֵם עַצְמוֹ כְּלָל, מֵאַחַר שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה כְּלָל, וְאֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת וְשׁוּם טוֹב, מֵאַחַר שֶׁהוֹלֵךְ בְּלִי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וּבְלִי הַשְׁגָּחָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן״, אָבֶּער דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה - דֶער הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, זַיין לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, וַוייל ווִי נָאר עֶס גֵייט אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִיט וָואס צוּ טְרֵייסְטְן, וַוייל עֶר גְלֵייבְּט דָאךְ נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, ״אֲבָל עַל יְדֵי אֱמוּנָה מַה טּוֹב וְיָפֶה הַחִיּוּת שֶׁלּוֹ כַּנַּ״ל״, אָבֶּער דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט

אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט ׳מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; מַיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער, מַיינֶע בִּלְבּוּלִים, מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַלֶעס וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט אִיז פֶּערְצוּפַאל גֶעשֶׁען׳, הָאט אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן.

## דֶער דָאקְטֶער שְׁטֶעכְט אִים

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט דָאס שֵׁיין מַסְבִּיר גֶעוֶוען: מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּם דָאקְטֶער, אֲפִילוּ דֶער דָאקְטֶער שְׁטֶעכְט אִים אָדֶער שְׁנַיידְט אִים, דַאנְקְט עֶר דֶעם דָאקְטֶער, חֲנוּכָּה אוּן פּוּרִים שִׁיקְט עֶר אִים אֲפִילוּ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ אַלְס הַכָּרַת הַטּוֹב, אֵיי עֶר הָאט דִיךְ גֶעשְׁטָאכְן, וֵוייס אִיךְ אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מַיין גוּטְס, דֶער דָאקְטֶער הֵיילְט מִיר, אוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נָאכְנִישְׁט, וֶוערְן זֵיי בְּרוֹגֶז אוֹיפְ׳ן דָאקְטֶער אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן: ״שְׁלֶעכְטֶע דָאקְטֶער, שְׁלֶעכְטֶע טַאטֶע, מַאמֶע, מֶען שְׁטֶעכְט מִיר...״ דָאס אִיז אַ שְׁטִיקְל מָשָׁל צוּ פַארְשְׁטֵיין; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט יְסוּרִים קֶען עֶר עֶס גְרִינְג דוּרְכְטְרָאגְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט ׳וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר דִי יְסוּרִים? וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר דִי שְׁלֶעכְטְס? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער! קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז נִישְׁט קַיין מִקְרֶה, עֶס אִיז זִיכֶער פַאר מַיין טוֹבָה׳.

דָאס דַארְף מֶען אַסַאךְ חַזֶרְ׳ן וַוייל מֶען פַארְגֶעסְט דָאס זֵייעֶר שְׁנֶעל, מֶענְטְשְׁן בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ: ׳וֶועגְן מִיר׳, ׳וֶועגְן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל׳, ׳וַוייל אִיךְ טוֹיג נִישְׁט׳, ׳וַוייל אִיךְ בִּין נִישְׁט׳, ׳וֶועגְן מַיין טַאטֶע, מַאמֶע, וַוייבּ, מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים׳, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט יֶעדְן אֵיינֶעם, אַלֶעס נָאר וַוייל מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט דִי וָואךְ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עז, א): ״מָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כָּתוּב בּוֹ (יְשַׁעְיָה ב, יז): וְנִשְׂגַּב ה׳ לְבַדּוֹ, אַף יַעֲקֹב וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ״, זָאגְט

מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר זֹאת הַתּוֹרָה, וַיִּשְׁלַח, סִימָן ד) אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְּשַׁט, ׳וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ׳, יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיינְס דֶעם אַנְדֶערְן זַייט יַרְדֵּן זִיךְ שְׁלָאגְן מִיטְ׳ן שַׂר פוּן עֵשָׂיו, וְוִי אַזוֹי הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ זִיךְ גֶעקֶענְט אַלֵיינְס שְׁלָאגְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶער מַלְאָךְ? פַארְעֶנְטְפֶערְט אוּנְז דֶער מֶדְרָשׁ: ׳וְנִשְׂגַּב ה׳ לְבַדּוֹ׳, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט ׳אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר׳, קֶען קֵיינֶער אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט בֵּייקוּמֶען.

דָאס הָאבְּן מִיר אַלֶע יָארְן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרַא״שׁ, מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן ׳אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף מִיר דוּרְךְ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם תַּרְעוֹמוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## ווִי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה?

דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר, ווִי אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה? זָאגְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): ווִי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה, אַלְץ מֶער אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען. דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אַרוּם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם שֵׁם ה׳, ״בָּרוּךְ ה׳״, ״גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער״, אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר ״וָואס טוּט זִיךְ?״ דֶערְמַאן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען: ״בָּרוּךְ ה׳״; ״וָואס אִיז דַיין פְּלַאן, דוּ קוּמְסְט צוּ דִי שִׂמְחָה?״ עֶנְטְפֶער: ״מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף״, אוּן דֶערְצֵייל פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע קְלֵיינֶע פְּרַט: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף

מִיר, אִיךְ הָאבּ יְסוּרִים, אִיךְ וֵוייס טַאקֶע אַז אַלֶעס אִיז פַּאר מַיין טוֹבָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ, הֶעלְף מִיר״, אַ בָּחוּר וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס אִיז פַּאר מַיין טוֹבָה, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט, הֶעלְף מִיר גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ״, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיף פַּרְנָסָה, שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען דַארְף גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער, אוּן מִיט שִׁידוּכִים פַּאר דִי קִינְדֶער.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר

דָאס אִיז אַ מַתָּנָה וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, אַז מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ זִיץ בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ זִיץ אִין מַיין קַאר, אִיךְ בִּין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָדֶער אִיךְ גֵיי אִין גַאס, אִיבֶּערָאל הָאבּ אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: ׳אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער׳, עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, קֶענְסְט אָבֶּער זוֹכֶה זַיין צוּ ׳וְנִשְׂגַּב ה׳ לְבַדּוֹ׳, אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן שְׁמוּעֶס מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דִיר זַיין גוּט.

## שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים

מֶען קוּמְט זִיךְ צַאם אֵיין מָאל אַ וָואךְ, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, צוּ הֶערְן אַבִּיסְל חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע זַאךְ, מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס חִיזוּק אַ גַאנְצֶע וָואךְ. ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן רֶבִּי׳ן בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ? אַז מֶען מַאכְט זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, שִׂיחוֹת הָרַ״ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוּן אוֹיךְ אִין דִי בְּרִיוו פוּן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, - דָאס וֶועט דִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנֶען אַז ׳וְנִשְׂגַּב ה׳ לְבַדּוֹ׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא.

אֲפִילוּ דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ אַלֵיין, דוּ טְרַאכְטְסְט: ׳קֵיינֶער וֵוייסְט אֲפִילוּ נִישְׁט אַז אִיךְ עֶקְזִיסְטִיר׳, ׳קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז אִיךְ לַייד׳, ׳קֵיינֶער וֵוייס נִישְׁט אַז אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ׳, ׳קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער זַאכְן׳, נֶעם דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן, דָאס וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַרַיין אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּרְךְ דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן בַּאקוּמְט מֶען אַ נֵייעֶם מֹחַ.

## אֱמוּנָה הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶענִיץ

אִינְדְרוֹיסְן הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער אֱמוּנָה, אֲפִילוּ - לְהַבְדִיל אֶלֶף אַלְפֵי הַבְדָלוֹת - דֶער גוֹי וֶועט אוֹיךְ זָאגְן אַז עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער, עֶר זָאגְט ״טֶענְק יוּ גַאד״... צִי וֶועט אֵיינֶער קְלֶערְן אַז אוּנְזֶער אֱמוּנָה אוּן זֵייעֶר אֱמוּנָה זֶענֶען אֵיינִיג?! אֱמוּנָה אִיז אַ זַאךְ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶענִיץ, מֶען קֶען הָאבְּן אֵיין בְּרֶעקֶל אֱמוּנָה, מֶען קֶען הָאבְּן צְוֵויי בְּרֶעקְלֶעךְ אֱמוּנָה, אוּן מֶען קֶען הָאבְּן דְרֵיי בְּרֶעקְלֶעךְ אֱמוּנָה, דֶער גוֹי וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, נָאכְדֶעם אִיז דָא ׳שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, ׳לֶעבְּן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, ׳זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, אוּן אִיךְ אֲפִילוּ אִיךְ שְׁפִּיר שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָא נָאכְמֶער שְׁפִּירְן אוּן נָאכְמֶער שְׁפִּירְן וְכוּ׳, עֶס גֵייט עַד אִין שִׁיעוּר וְעֵרֶךְ.

אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען רֶעדְט צוּ אַנְדֶערֶע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵק אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל וֶוערְן ׳חַיָּיו חַיִּים׳, דִי לֶעבְּן וֶועט זַיין אַ לֶעבְּן. עֶס קֶענֶען זַיין צְוֵויי מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער דֶעם זֶעלְבְּן שְׁוֶועריקֵייט, אֵיינֶער נֶעמְט אַרַיין אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אִין דִי וֶועלְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס גֶעמַאכְט אוּן עֶס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, אִיז אִים גוּט, ווִידֶער דֶער צְוֵוייטֶער הָאט מַמָּשׁ יְסוּרִים, עֶס פַּיינִיגְט אִים, וַוייל בַּיי אִים אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין עֶס זָאל זַיין חַיָיו חַיִּים, אָמֵן.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר, הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן:

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת,

הֶעלְף מִיר הֶעלְף מִיר, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת,

אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.